בס"ד

# שפתי אביגדור

באידיש

## נסיונות
לעבן מיט מענטשן

## לעבן מיט מענטשן

### (א)

### פארשידענארטיגע מענטשן

**די צוואה פון רבי אליעזר**

די גמרא דערציילט, ווען **רבי אליעזר בן הורקנוס** האט געהאלטן אין די לעצטע מינוטן פון זיין לעבן, זענען אריינגעקומען צו איהם זיינע תלמידים און האבן געזאגט, **רבינו למדנו ארחות חיים כדי שנזכה בהם לחיי עולם הבא**, זיי האבן געבעטן ער זאל מיט זיי לערנען די ארחות חיים, ארחות מיינט אלגעמיינע דרכים - כללים פון לעבן.

צווישען די דריי כללים וואס ער האט זיי געזאגט, איז געווען דער כלל פון **הזהרו בכבוד חבריכם**.

רבי אליעזר בן הורקנוס, דער חכם פון די סנהדרין, דער גדול הדור, און יעצט איז ער אין די לעצטע מינוטן פון זיין לעבן, און ער רעדט צו זיינע תלמידים וואס האבן געבעטן פון איהם די לעצטע עצה - כללים כדי זוכה צו זיין צו עולם הבא, האט ער געפונען פאר נויטיג צו זאגן אט דעם כלל **"הזהרו בכבוד חבריכם"**.

פארשטייען מיר פון דעם ווי גרויס עס איז די וויכטיגקייט פון דעם כלל - צווישן אלע חובות התורה וואס דער אויבערשטער פארלאנגט.

ער האט נישט דערמאנט ממון חבריכם כאטש דאס איז גאר א גרויסער ענין וואס איז כולל גאר אסאך הלכות, ער האט נישט דערמאנט דינים פון איסור והיתר וואס דאס איז כולל כמעט כל התורה כולה, ער האט נישט דערמאנט טומאה וטהרה, קדשים, אדער אלע פרטי המצוות, אלע עניני שלימות.

ער האט נאר דערמאנט "הזהרו בכבוד חבריכם" און אחוץ דעם האט ער געזאגט נאר נאך צוויי זאכן, **מנעו בניכם מן הגיון**, (וואס דאס מיינט הגיון דאס איז שוין א ספק אין פשט וועלן מיר נישט רעדן יעצט וועגן דעם), אבער די דריטע זאך האט ער געזאגט **וכשאתם מתפללין דע לפני מי אתם מתפללים לפני מלך המלכים מלכי הקב"ה**, דאס הייסט אז תפלה זאל זיין מיט די הכרה אז מ'רעדט צום מלך מלכי המלכים, און דאס האט ער געזאגט צוזאמען מיט דעם כלל פון **הזהרו בכבוד חבריכם**.

**כבוד שמים - כבוד חבירו**

קומט אויס אז כבוד חבריכם איז אזא גרויסער חיוב אזוי ווי תפלה! זיי זענען צוויי גרויסע ענינים וואס זענען שקול, די צוויי כללים האט ער דערמאנט **הזהרו בכבוד חבריכם**, און **כשאתם מתפללין דע לפני מי אתם מתפללין**.

"דע לפני מי אתם מתפללין" מיינט די הכרה, אמונה, בטחון, דאס איז אלס נכלל אין **דע!** דו זאלסט וויסען ווער דאס איז! **בראשית ברא אלקים את השמים ואת הארץ**, דאס איז דער באשעפער וואס האט באשאפן די וועלט, און עס איז **הכל בידי שמים**, אלעס איז בידו, און **כי חפץ חסד הוא!** אלע מעלות פון הקב"ה זענען נכלל אין דעם "דַע לפני מי אתם מתפללין" - ווער איז דער פאר וועמען איהר דאווענט, און וויפיל מ'זאל טראכטן אין די גרויסקייט פון הקב"ה איז נישט גענוג,

**ולגדולתו אין חקר!** דאס אלעס איז נכלל אין דַע, וואס מ'קען ארייינלייגן אין "דַע" דארף מען ארייינלייגן.

אויף דעם זעלבן גרויסקייט פון דער חשיבות פון דַע... איז אויך די גרויסקייט פון **הזהרו בכבוד חבריכם**, דאס איז א מורא'דיגע גרויסע זהירות, פונקט אזוי ווי מ'וואלט מורא געהאט וועגן רעדן מיט הקב"ה אליין, אזוי איז אויך הזהרו בכבוד חבריכם, דאס הייסט אז עס איז פון די גרעסטע ענינים אין דער וועלט.

**א] מעלת חבירו**

און אין דעם זענען דא פארשידענע ענינים וואס יעדער פאר זיך איז זייער א וויכטיגער פרט;

**צלם אלקים:** ערשטנס איז דא א פרט אז כבוד חבריכם דאס איז כבוד שמים, ווען מ'האנדלט מיט א חבר, מיט א מענטש, דארף מען וויסן אז מ'האנדלט מיט **צלם אלקים**, דאס איז א יסוד וואס די תורה האט אוועק געשטעלט אז דער מענטש איז ממש צלם אלקים, אז מען קוקט אויף איהם דארף זיין די זעלבער יראת הכבוד אזוי ווי מ'וואלט געזעהן אין הקב"ה וואס האט זיך באוויזן מיט זיין שכינה.

און די משנה אין אבות זאגט **איזהו מכובד המכבד את הבריות שנאמר כי מכבדי אכבד**, ער רעדט וועגן מכבד זיין די "בריות" און ער ברענגט ער א פסוק אויף מכבד זיין הקב"ה - **מכבדי**, די וואס זענען מיר מכבד, ווייל מכבד זיין א מענטש דאס איז כבוד המקום, ווייל דער כבוד האדם איז וועגן דעם צלם אלקים וואס ער פארמאגט.

**בנים למקום:** מען איז מכבד דעם אויבערשטנס קינדער, **בנים אתם לה' אלקיכם!** ווען איינער וויל קונה זיין א פריינדשאפט ביי מענטשן, ווייזט ער חיבה צו זייערע קינדער.

**כהני ה':** דער עם ישראל זענען מיינע כהנים, יעדער אנשטענדיגער איד שומר מצוות איז א **כהן לא-ל עליון, אתם תהיו לי ממלכת כהנים וגוי קדוש!**

**עם קדוש:** יעדער איינער פונעם עם ישראל איז א קדוש **כי עם קדוש אתה לה' אלקיך**, און עס שטייט **להשתבח בתהלתיך** מיר גרויסן זיך מיט זיין גרויסקייט, **התהללו בשם קדשו**[1] איהר זאלט זיך בארימען מיט זיין הייליגקייט, און ווען מיר זאגן **ברוך אתה ה' הא-ל הקדוש** מיט דעם פארגרעסערן מיר די קדושה פונעם עם ישראל, וואס מער הקב"ה איז קדוש אלס מער איז דער עם ישראל קדוש, **קדושים תהיו כי קדוש אני!** און וויפיל מיר פארשטייען די קדושה פון הקב"ה אזויפיל גרעסער ווערט די קדושה פון א בן ישראל, אזוי שטייט התהללו בשם קדשו, וואס מער ער איז קדוש האט איר א רעכט זיך צו בארימען מיט אייער קדושה, **להשתבח** זיך צו בארימען **בתהלתיך** מיט דיין תהלה.

**ב] "כמוך"**

און אחוץ דעם איז דא דער חשבון פון **כמוך, ואהבת לרעך כמוך** איז גאר א גרויסער תביעה, אדם קרוב אצל עצמו, א מענטש מוז זיך ליב האבן, חייך קודמין, אם אינו חס על עצמו מי יחוס עליו, און א מענטש דארף היטן זיין כבוד נישט צו ווערן נתגנה ביי מענטשן, **אל יתגנה בעיני הבריות**, אויב אזוי איז דא א גרויסע תביעה אז אחוץ אלע חשבונות, פארלאנגט דער אויבערשטער דעם כמוך, אז פונקט אזוי זאל זיין ביי זיין חבר, (און עס איז דא נאך חשבונות).

**ג] אלע מיני מענטשן**

אבער עס איז פארהאן א דריטער חשבון, עס שטייט אין קהלת **מי אשר יחובר אל כל החיים יש בטחון**, דער וואס איז באהאפטן צום לעבן

1 **התהללו בשם קדשו**, ההתהללות כלומר השתבחית עצמית זו, היא חלק מעבודת ההודאה והשבח אליו יתברך, כי כל מה שאנחנו מכירים בגדולת המשובח יתברך, כן אנו שמחים ומתהללים ביחוסנו אליו שאנו בניו ונחלתו, וכאשר נעמיק להתבונן בשבחיו של מקום ברוך הוא כן תגדל שמחתינו וכבודינו (לשון רבינו זצ"ל בספר **הללי נפשי**).

איז נאך דא האפענונג. אבער עס איז דא דארט א קרי און א כתיב, דער כתיב איז **יבחר** און דער קרי איז **יחובר**.

וואס איז פשט דערפון?

יש בטחון - עס איז דא א האפענונג דאס מיינט אז דער מענטש האפט אויפצוטוען אין דער וועלט, ער האפט צו באקומען דעם גרויסן שכר פון עולם הזה, וואס **עולם הזה** איז **דומה לפרוזדור בפני העולם הבא, התקן עצמך בפרוזדור כדי שתכנס לטרקלין**, דער תיקון וואס א מענטש מאכט זיך מוכן אז ער זאל קענען זיין ראוי פאר עולם הבא איז דא אין דעם פרוזדור, דאס איז דער בטחון - דער האפענונג, און ווען איז דער בטחון? ווען ער איז מחובר אל כל החיים.

וואס מיינט **"יחובר אל כל החיים"** מחובר צו חיים? כפשוטו מיינט דאס אז ער א חי איז דא בטחון (א **חי** מיינט א **בוחר**, דער וואס האט בחירה,) נאך דעם ענדע פון חיים איז אויס בחירה, עס איז נישטא קיין בעסערקייט, קיין גרעסערקייט, קיין עליה, קיין תיקון, אזוי ווי דער רמב"ם זאגט אז אזוי ווי א מענטש איז בשעת מיתה אזוי וועט ער בלייבן אויף אייביג, **כן ישאר לעולם!** אויב אזוי פארשטייט זיך אז נאר ווען מען איז חי איז דא בטחון - איז דא האפענונג, ער מוז זיין א חי צו האבן א האפענונג אויף תיקון עולם הבא.

אבער עס שטייט נישט סתם מי אשר יחובר "אל **"החיים**" עס שטייט מי אשר יחובר אל **"כל החיים"**, חיים מיינט לעבן, אבער כל החיים מיינט מיט "אלע לעבעדיגע מענטשן", ווייל דער גרויסער תיקון פון עולם הבא איז דורכדעם וואס מען האט א חיבור צו כל החיים, מען האט א חיבור צו מענטשן.

דאס מיינט נישט אז מען דארף זיך חבר'ן מיט יעדן, ער זאגט נישט חברים, ער זאגט יחובר ווייל דער מענטש איז ממילא מחובר צו די וועלט, און דאס וואס ער איז **מחובר אל כל החיים** דאס איז זיין גרויסער תיקון.

וואס טייטש כל החיים? **כל החיים** מיינט **כל מיני הבריות**, יעדער סארט מענטש איז אן אנדערע נסיון, און דער וואס איז מחובר אל כל החיים, א מענטש דארף האנדלען מיט אלע מענטשן צו ער וויל צו ער וויל נישט, **יש בטחון** דאס איז דער גרויסער האפענונג, עס איז דא פאר איהם א גרויסער האפענונג אויף דעם תיקון גדול וואס ער איז זיך מכין אריינצוגיין לטרקלין.

**נסיון - דערהויבען**

דער מסילת ישרים זאגט **כל עניני העולם נסיונות הן לאדם**, עס איז נישטא אין דער וועלט קיין איין זאך וואס איז נישט באצוועקט פאר דעם תכלית אז דער מענטש זאל נתנסה ווערן מיט נסיון. און מתנסה מיינט ער זאל דערהויבן ווערן, אזוי ווי **המתנשא לכל לראש**, נסיון איז פון לשון נס - דערהויבען, ווייל נסיון טוט דערהייבען די מענטש.

אלעס וואס עס פאסירט איז א מעגליכקייט פון גרויס תיקון, און בפרט אויב עס האנדלט זיך ווענן האנדלען מיט מענטשן, איז כל עניני העולם, אלע מענטשן אין דער וועלט, פארשידנארטיגע מענטשן, און אפילו דער זעלבער מענטש אמאל איז ער דאס און אמאל איז ער אנדערש, דאס אלעס איז צוליבן צוועק פון נסיונות הן לאדם, אז דער מענטש זאל דערהויבן ווערן צוליב דעם, און דאס איז אזא גרויסער תיקון אז דאס איז א "אורח חיים", א אלגעמיינער כלל זוכה צו זיין דורכדעם צו חיי העולם הבא.

דאס אז א מענטש דארף זיך קענען אויסקומען מיט אלערליי מענטשן, אין יעדער שעת הכושר, אין שמחה און אין פארקערט, אין איילעניש און נישט, און אין אלע מצבים, אז מען דארף האנדלען מיט מענטשן, דאס איז געמאכט געווארן בכוונה פון הקב"ה כדי צו שארפן און צו גלאט מאכן, אויסצוגלעטן דעם מענטש'ס נאטור, ער זאל קומען צו די שלימות פון דעם גרויסן תיקון פון עולם הבא.

און ווען די תלמידים זענען אריינגעקומען

צו רבי אליעזר און געבעטן, **רבינו! למדנו ארחות חיים כדי שנזכה בהם לחיי עולם הבא**, זיי האבן געוואלט הערן עפעס וואס וועט זיי מאכען זוכה זיין צו **חיי עולם הבא**, האט ער געזאגט **הזהרו בכבוד חבריכם**! דאס איז פון די גרויסע כללים פון תיקון אויף **עולם הבא**.

**איש ואשתו**, א **שכן**, א **חבר**, מיט וועמען ער האנדלט אין **סחורה**, וועמען ער באגעגנט אין **ישיבה**, אין **ביהמ"ד**, אויפן **גאס**, יעדער מענטש איז מן השמים מזומן צו איהם פאר א נסיון, ער זאל האבן א מעגליכקייט מרויח צו זיין פון דעם באגעגעניש, ער זאל ווערן גרעסער און העכער.

עס איז נישטא קיין איין פאל וואס א מענטש באגעגנט איימיצן וואס איז נישט פאר דעם צוועק פון זיין אייגענער תועלת, צו ער באגעגנט א מענטש וואס איז איהם מבייש, און ער קען זיך איינהאלטן דאס איז א הצלחה, **ונפשי כעפר לכל תהיה... ולמקללי נפשי תדום...** א הצלחה גדולה! און אויב עס איז א פראגע פון **מעודד ענוים**, ער קען געבן עידוד און חיזוק צו א מענטש, און ער נוצט אויס דעם שעת הכושר צו זאגן אפאר ווערטער פון תנחומים, פון ערמוטיגן איימיצן, איז דאס מן השמים א מתנה פאר איהם, און דאס איז נישט קיין קליינע מתנה, נאר דאס איז **ארחות חיים**, וואס איז פארן צוועק **כדי שנזכה בהם לחיי העולם הבא**.

און דאס איז **לכתחילה מראש ומקדם** פאראויסגעזעהן פון הקב"ה און געמאכט געווארן פאר דעם צוועק, ווייל דאס לעבן פון א מענטש אויף דער וועלט איז נישט נאר ווייל לעבן מיינט **בחירה - חיים**, נאר עס מיינט אויך **יחובר אל "כל" החיים**, דער לעבן מיינט אז עס איז דא נאך מענטשן אין דער וועלט, און דערפאר זאגט דער אויבערשטער אז א מענטש מוז חתונה האבען, **לא טוב היות האדם לבדו**, דער טוב אויף וואס דער מענטש איז באשאפן געווארן קען ער נישט באקומען אויב ער איז לבדו, דער טוב קען נאר זיין אויב עס איז דא נאך איימיצער אין דער וועלט, און הייראטן ברענגט אריין נאך איימיצן שטענדיג מיט איהם, (א נסיון), א שטענדיגער נסיון, און דאס איז ארחות חיים.

אזוי ווי א מענטש איז זיך מתנהג לגבי זיין בת זוג דאס איז פון די גרויסע **ארחות חיים**, וואס דורך זיי איז מען **זוכה לחיי עולם הבא**, דאס איז **טוב**, און דאס מיינט דער **ריוח** פון לעבן, די **הצלחה** פון לעבן איז ווי אזוי מען האנדלט מיט יענעם.

## (ב)
## ווען וועל איך נתעלה ווערן?

**אין שווערע צייטן**

דוד המלך איז געווען א גרויסער מוצלח כל ימיו, און ער האט זוכה געווען צו ווערן דער **משיח ה'**, און ער איז געזעצן **על כסא ה'** אין **ירושלים**, און ער האט געהאט **מלכות**, **ממשלה**, **כח**, **הצלחה**, **פירסום**, אלעס האט ער געהאט.

אבער עס איז געקומען א צייט וואס עס איז געווען דער ביטערסטער פינסטערטער צייט אין זיין לעבן, דאס איז געווען **בברחו מפני אבשלום בנו**, מיטאמאל איז געווארן א מרידה פון אבשלום מיט אחיתופל, און דוד האט געמוזט אנטלויפן פון ירושלים כדי צו ראטעווען זיין לעבן, דאס איז געווען דער נידעריגסטער, דער אומוטיגסטער צייט פון זיין גאנצער קאריערע, ער איז געלאפן פון ירושלים מיט אפאר ידידים, און ער איז געגאנגען און געוויינט.

ער האט נישט געוויינט אויף דעם וואס ער האט פארלוירן זיין מאכט, ער האט געוויינט ווייל ער האט געזעהן אז דער אויבערשטער איז נישט צופרידן פון איהם, עס פעלט איהם עפעס, און יעצט איז פארלוירן געגאנגען זיין גאנצער האפענונג וואס ער האט אמאל געבעטן.

ער פלעגט בעטן אלעמאל אז אזוי ווי הקב"ה האט אויסגעקליבן דריי אבות אברהם יצחק ויעקב, - **אין קורין לאבות אלא שלשה**, האט ער געטראכט איך וויל זיין אזוי גרויס ווי זיי,

**מתי יגיעו מעשי למעשה אבותי,** ער האט געחלומ'ט פון די גרויסקייט פון די אבות, ער איז געווען א גרויסער מענטש, אבער עס איז געווען זיבן הונדערט יאר צווישן זיי, און ער האט געטראכט איך וויל צוקומען מיט עבודת ה' אזוי ווי זיי, מתי יגיעו מעשי, און ער האט געטוען גרויסע זאכען ער האט געמאכט די תהלים, עפעס א קלייניגקייט?! דער **הפעם אודה את ה'** וואס לאה האט געזאגט ווען יהודה איז געבוירען געווארען איז מקוים געווארן דורך דוד המלך, און ער האט געבויט דעם עיר ה' ירושלים, און ער האט ממציא געווען דעם פלאן פון ביהמ"ק, וואס נאכדעם איז דאס מקוים געווארן דורך שלמה המלך, אבער ער האט אלעס צוגעגרייט דערצו, נאר צוליב זיין חלום איז דאס געווארן, ער איז געווען דער ערשטער וואס האט געחלומט וועגן א ביהמ"ק, אזוי ווי עס שטייט **אנכי יושב בבית ארזים** און הקב"ה וואוינט בבית היריעות, האט ער דאן באשלאסן אז מ'דארף האבן א ביהמ"ק, און דוד האט אפילו געמאכט דעם שיר חנוכת הבית וואס מען וועט זינגען ביים חנוכת הבית, **מזמור שיר חנוכת הבית לדוד,** אלעס האט ער געטוען, און ער ווערט אנגערופען **עבד ה',** און דוד'ס נאמען געפונט זיך אין די כתבי הקודש מער ווי סיי וועלכער אנדערע נאמען אין דעם גאנצן תנ"ך.

האט דוד געהאט א בארעכטיגונג ווען ער האט געטראכט מתי יגיעו מעשי למעשה אבותי, ער האט דאס געבעטן ביי הקב"ה, זאגט אבער הקב"ה צו איהם ווי קענסטו זיך גלייכן צו זיי, וויאזוי קענסטו זיך גלייכן צו די אבות! אבער פונדעסטוועגן האט ער געשטרעבט אויף דעם, מתי? מתי?

און יעצט **בברחו מפני אבשלום,** לויפענדיג פון ירושלים, האט ער געזעהן אז ער איז אזא דורכפאל אינגאנצן, אלעס וואס ער האט געבויט איז צובראכן געווארן, אויס מלך, אויס שטייגן, און ער אנטלויפט כדי צו ראטעווען זיין לעבן, איז ער געגאנגען און ער האט געוויינט, אלע זיינע חלומות זענען צובראכן געווארן,

וואס איז געווארן פון איהם? גארנישט. איז ער פארביי געגאנגען א מקום א שטאט אין חלק בנימין [בחורים], איז ארויס איינער פון די חשובים פון שטאט [שמעי בן גרא] און האט געווארפן אויף איהם שמוץ, און ער האט איהם געזאגט **צא צא איש הדמים!** דו בלוטיגער מענטש גיי פון דאנעט!

ווען די באגלייטער פון דוד האבן דערהערט אז ער איז מבזה דעם מלך, האט איינער פון זיי, ארויסגעצויגן זיין שווערד ווייל דער וואס איז **מורד במלכות** איז **חייב מיתה,** האט דוד געזאגט ניין! לאז איהם צורוה, **ה' אמר לו קלל,** דער אויבערשטער האט איהם געהייסן מיר שעלטן, איך בין ווערד, איך בין ווערד, ה' אמר לו קלל.

זאגן חז"ל **באותו שעה** - זאגט דער אויבערשטער דו דוד האסט זיך געבעטן אז דו ווילסט זיך גלייכן צו די אבות, יעצט וועל איך דיר נאכגעבן וואס דו האסט געוואלט, ביז יעצט איז געווען נאר **מגן אברהם,** און צוליב די מעשה וועט זיין אויך **מגן דוד** (ברכת הפטורה).

יעצט, אויב דער מקלל וואלט נישט ארויסגעקומען, ער וואלט נישט געווארפן שמוץ אויפן מלך און איהם געזידלט, (צא צא איש הדמים! דער גרויסער בזיון, אזא שאנדע וואס האט צובראכן זיין הארץ), וואלט ער נישט געהאט די גרויסקייט די עליה, דאס איז געווען זיין תיקון.

**כל עניני העולם נסיונות הן לאדם,** דאס וואס האט פאסירט, דער גרעסטער בזיון, אין דער צייט פונעם פינסטערניש און צער, און פונקט דעמאלס איז פארגעקומען דאס וואס ער האט גע'חלומ'ט כל ימיו, דער אויבערשטער האט איהם דאן אנערקענט מיט מגן דוד.

## סובל זיין

דערפאר ווען רבי אליעזר בן הורקנוס האט געזאגט דעם כלל צו זיינע תלמידים וואס האבן געבעטן א לימוד פון ארחות חיים כדי זוכה צו זיין צו חיי העולם הבא, און ער האט געזאגט

הזהרו בכבוד חבריכם, האט ער כולל געווען אלע אופנים, אלע אומשטענדן, דאס איז נישט אין איינמאליגע זאך.

אויב איינער קען צוקומען צו אזא הויכקייט אז ער פארגעסט נישט הקב"ה אפילו אין דעם גרעסטן פארדרוס, דאס איז די הצלחה, און אויך דאס איז ער באשאפן געווארן, וואס דאס איז דער רצון ה', **כי מכבדי אכבד.**

און דער חובת הלבבות זאגט דאס, אז א מענטש איז באשאפן געווארן פאר דריי כוונות, איין כוונה איז, **להסיר מסך הסכלות**, נאך א כוונה איז, ער זאל זיין **עומד בנסיון**, און נאך א כוונה איז, אז ער זאל זיין ווי די **מלאכים הסובלים**, דאס איז א באזונדערע כוונה, ער זאל זיין ווי די מלאכים וואס קענען פארטראגן - זיי קענען אלעס סובל זיין.

אז ער קען סובל זיין, ער קען פארטראגן אפילו מתוך יסורים, דער גרעסטער צער, און בשעת ווען ער האט די כח זיך נוקם צו זיין אין יענעם, און ער איז בארעכטיגט אויך, מיטן דין פון א מלך, און אעפי"כ האלט ער זיך צוריק ווייל ער דערמאנט זיך וואס דער אויבערשטער האט געזאגט הזהרו בכבוד חבריכם, איז דאס די הצלחה וואס דאס איז דער גרעסטער אויפטוה פונעם מענטש אין דער וועלט, און דאס איז אויפן זעלבער משקל פון כשאתה עומד להתפלל דע לפני מי אתה מתפלל.

ווייל דאס איז אלס געווען דורך די הנהגה, וואס דוד המלך האט נישט מסיח דעת געווען פון הקב"ה.

**לפני ה'**

**והאיש משה עניו מאוד מכל האדם אשר על פני כל האדמה**, משה רבינו איז געווען דער גרעסטער עניו, משה רבינו איז דער **אשר ידעו ה' פנים אל פנים**, ווייל דער וואס איז עומד לפני ה' איז ער א עניו.

דער חובת הלבבות אין שער הכניעה ווען ער רעדט וועגן ענוה (נישט ווי אלע אנדערע ספרים באהאנדלען ענוה אלס איינע פון די מדות הנפש פונעם מענטש), דער חובת הלבבות לערנט אז ענוה איז צוליב די הכרה, די אמונה אין דעם אז ער איז עומד לפני ה' פון דאס נעמט זיך די אמת'ע ענוה, משה רבינו האט געוואוסט אז ער איז גרעסער פון אלע אנדערע מענטשן, דאס איז א חלק פון די אמונה וואס יעדער איד מוז אין דעם גלייבען האט משה רבינו אוודאי געגלייבט אין דעם, **לא כן עבדי משה בכל ביתי נאמן הוא**, ער האט דאס געגלייבט באמונה שלימה, און אעפי"כ איז ער געווען דער גרעסטער עניו, ווייל ווי קען ער זיין גרויס ביי זיך אז ער שטייט לפני המלך?! דאס איז ענוה, דאס איז כניעה פון שכל, פון הכרה.

דוד המלך דער עובד ה', ער איז נישט געווען קיין עבד פון "גוטע" מדות, גוטע מדות איז אויך א עבודות, אז מען ווערט פארשקלאפט צו גוטע מדות קען מען אמאל פארפירט ווערן, ניין! ער איז געווען א עבד ה' (עיין קונטרס דוד עבדי).

און דערפאר איז ער שטענדיג געווען באוואוסטזיניג אז ער שטייט לפני ה', יעדע רגע! און ער האט געוואוסט אז אלעס איז מן השמים, כל עניני העולם נסיונות הן לאדם - וואס דער אויבערשטער האט געמאכט דעם נסיון, און דערפאר איז ער געשאלטן געווארן נאר ווייל דער אויבערשטער האט געזאגט קַלל, נישט יענער שעלט מיר, **ה' אמר לו קלל**, ער האט געדענקט אז דאס איז אלס מן השמים, און אויב איז דאס מן השמים איז דאך **כל מה דעביד רחמנא לטב עביד**, איז עס פאר חסד, פאר טוב, פאר תיקון, פאר גרויסקייט.

דער מענטש וואס אפילו אין די ביטערסטע צייט פון זיין לעבן אויב פארגעסט ער נישט דעם כלל, און ער דערמאנט זיך אין זיין חיוב פון הזהרו בכבוד חבריכם, איז דאס פון די גרעסטע ארחות חיים וואס ברענגט דעם מענטש לחיי עולם הבא.

בעת **שמחה** ווען איר ווילט ארויסווייזן
אייער **הכרת הטוב** פאר השי"ת

אדער ווען איר נוטיגט זיך אין א **ישועה**

ניצט אויס די כח פון **מזכה זיין**
און טוהן **חסד** מיט הונדערטער אידן
אריינצוברענגען אין זיי **חיות** און **דעת**

צו מנדב זיין "תורת אביגדור" רופט:
**845-213-7571**

לויט וויפיל געלט אזויפיל קאפיס קענען מיר מאכן

**ליינט די גליון יעדע וואך אין די קונטרס "גליונות לשב"ק",**



# מלחמת גוג ומגוג

## שאלה:

**פאר וועלכע סיבה האבן אונז די נביאים אנגעזאגט וועגן די מלחמה פון גוג ומגוג וואס וועט פארקומען פאר משיח'ס אנקום? פארוואס דארפן מיר דאס וויסן אז דאס דערשרעקט אונז?**

## תשובה:

**די** נביאים האבן אונז געוואלט איינמעלדן אז די קליפות זענען זייער מאכטפול אויף דער וועלט און זיי וועלן נישט אזוי שנעל זיך בייגן פאר אונז. און ווען די צייט פון גאולה וועט קומען וועלן זיי אנווענדן אלע זייערע מיטלען צו פארמיידן די גאולה.

**פארוואס האבן זיי אזוי מורא פון די גאולה?** ווייל דעמאלסט וועט זיין א צייט פון פרייליכקייט ווען יעדער וועט אנערקענען אז ס'איז דא א באשעפער. דערפאר וועלן אונזערע פיינט טון דאס מערסטע וואס זיי קענען אפצוהאלטן די גאולה.

די נביאים ווילן אז מיר זאלן דאס וויסן פון פאראויס זיך צו קענען באהיטן. יעצט טוט אויך דער יצר הרע דאס מערסטע וואס ער קען, אונז אפצוהאלטן פון צו טון רצון השם צו דערווייטערן די גאולה. מיר דארפן דאס וויסן צו קענען צוריקגעבן פארן יצר הרע און זיך נישט לאזן פארפירן פון אים.

אונזער סוקסעס ווענדט זיך ווי שטארק מיר וועלן זיין. מיר דארפן זיך נישט דערשרעקן פון אלע וואס שטייען אויף קעגן אונז צו שטערן אונזער עבודת השם נאר מיר דארפן זיך קעגנשטעלן מיט אלע אונזערע קרעפטן צו שטיין שטארק צו טון רצון השם און דערנענטערן די גאולה שלימה.

**שאלות און תשובות**
מיט
ר' אביגדור מיללער זצ"ל

**נדבת השבוע - פ' אמור**
נתנדב ע"י הרה"ח ר' שלמה זלמן געלב הי"ו
לעי"נ סאסא יוטא ב"ר מרדכי יהודה ע"ה

מהדורות אחת שאלתי
כל הזכויות שמורות